# חקת ב

א. בסיום פירושו אויף דער סדרה, שטעלט זיך רש״י אויף די ווערטער „ויכו אותו״ און איז מפרש „משה הרגו״ — אַז ניט געקוקט דערויף וואָס דאָ שטייט „ויכו״ (לשון רבים), האָט אים משה אַליין געהרג׳עט. און רש״י איז מסיים מיט אַ ראי׳ לפירושו, „כדאיתא בברכות כו׳ ״ (כדלקמן ס״ב).

פון וואַנעט נעמט טאַקע רש״י ב־פשוטו של מקרא אַז „משה הרגו״, אַנדערש ווי עס ווייזט אויס פון פשטות הלשון „ויכו אותו״ (לשון רבים) אַז אַלע (אַ רבים) אידן האָבן אים געהרג׳עט — זאָגט דער מהר״ל מפראג, אַז רש״י נעמט עס פון דעם פריערדיקן פסוק[1] וואו עס שטייט אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה׳ן „אל תירא אותו כי בידך נתתי אותו גו׳ ״, אַז דער אויבערשטער האָט איבערגעגעבן עוג׳ן אין די הענט פון משה׳ן.

און דאָס וואָס עס שטייט „ויכו אותו״ לשון רבים, איז ווייל נאָך דעם וואָרט „אותו״ שטייט „ואת בניו ואת כל עמו״, שטייט דעריבער „ויכו״ לשון רבים, ווייל „אותו ואת בניו ואת כל עמו״ (אַלע צוזאַמען), האָבן משה ויש־ראל זיי געהרג׳ט.

ס׳איז אָבער ניט פאַרשטאַנדיק:

א) מען געפינט אין אַ סך ערטער וואו דער אויבערשטער האָט גערעדט צו משה׳ן (ניט בנוגע צו אים אַליין, נאָר) בנוגע צו אַלע אידן, און דאָך האָט ער עס געזאָגט בלשון יחיד [אַזוי ווי „אנכי שולח מלאך לפניך לשמרך . . ולהביאך אל המקום גו׳ ״[2], „הנני גורש מפניך את האמורי גו׳ ״[3] — כאָטש דאָס איז געווען ערשט לאחר פטירתו של משה[4]], און דאָס איז אַזוי, ווייל דער אויבערשטער האָט גערעדט צו משה׳ן ווי צו דעם שליח און פאַרשטייער פון כלל ישראל. היינט וואָס איז די ראי׳ פון „בידך נתתי אותו״ אַז „משה הרגו״[5]?

ב) אפילו אם תמצא לומר אַז דער לשון „בידך נתתי״ איז אַנדערש ווי „לפניך״ און „מפניך״ וכיו״ב — געפינט מען אָבער דעם זעלבן לשון אויך בשייכות צו סיחון׳ען — „ראה נתתי בידך את סיחון מלך חשבון האמורי״[6], און אעפ״כ זאָגט רש״י ניט אין ערגעץ אויף סיחון׳ען, אַז „משה הרגו״[7]. איז דאָך ניט מובן: מיט וואָס איז אַנדערש דער לשון „בידך נתתי״ וואָס שטייט אין אונזער

1) כא, לד.

2) משפטים כג, כ.

3) תשא לד, יא.

4) והרי כלפי שמיא הי׳ גלוי גם אז שמשה לא יכנס לארץ (ולהעיר מפרש״י שמות ה, יג. בשלח טו, יז) ועד שביום שנולד הי׳ „סופו ללקות במים״ (רש״י שמות א, כב. פרשתנו כ, יג).

5) ובפרט שבפרשה זו עצמה (כא, כא) כבר פירש רש״י, שמה שלפעמים תלה ה־כתוב השליחות בישראל ולפעמים במשה היא לפי „שמשה הוא ישראל וישראל הם משה״. (וראה לקמן סעיף ה׳).

6) דברים ב, כד.

7) ואדרבה מפשטות לשון הכתוב (פר־שתנו כא, כד) „ויכהו ישראל לפי חרב״ (ואינו מחלק בין סיחון לעמו) משמע, ש־„ויכהו ישראל״ קאי גם על סיחון.

פסוק בנוגע צו עוג, פון דעם לשון „נתתי בידך" וואָס שטייט בנוגע צו סיחון?

ג) אין דעם פסוק גופא וואו עס רעדט זיך וועגן עוג, איז דער פסוק ממשיך נאָך די ווערטער „כי בידך נתתי אותו" — „ואת כל עמו וגו'". איז אויב רש"י נעמט אָן אַז „בידך" מיינט אין די הענט פון משה'ן, האָט ער דאָך געדאַרפט לערנען אַז משה האָט גע'הרג'ט ניט בלויז עוג'ן נאָר אויך „את כל עמו";

אָבער פון דעם וואָס רש"י שטעלט זיך בלויז אויף די ווערטער „ויכו אותו" (און ברענגט ניט „(ואת בניו) ואת כל עמו" — אפילו ניט ברמז מיט „וגו'") און איז מפרש „משה הרגו" (נאָר עוג'ן), איז קענטיק[8], אַז לגבי „ואת בניו ואת כל עמו" לערנט רש"י דעם „ויכו" (לשון רבים) כפשוטו. איז דערפון מוכרח, אַז אויך דער „בידך" פון אונזער פרשה — בנוגע צו „ואת כל עמו", מיינט אין די הענט פון אידן. הייסט פון וואַנעט איז געדרונגען אַז בנוגע צו „אותו" מיינט „בידך" אין די הענט פון משה'ן?

ב. לאחרי ווי רש"י איז מפרש „משה הרגו", איז ער ממשיך: „כדאיתא בברכות בהרואה[9] עקר טורא בר תלתא פרסי כו'".

איז אין דעם ניט מובן:

א) אין פיל ערטער וואו רש"י ברענגט אַ מאמר רז"ל, זאָגט ער „רבותינו אמרו" (וכיו"ב) און איז ניט מציין וואו דער מאמר שטייט[10]. און אפילו אין פאַל וואו ער איז (מצד איזה טעם) יע מציין אין וועלכער מסכת (וכיו"ב) דער מאמר שטייט, באַגנוגנט ער זיך מיטן אָנרופן דעם שם המסכת (וכיו"ב)[11]. פאַרוואָס אין אונזער פסוק, באַגנוגנט ער זיך ניט מיט זאָגן „כדאיתא בברכות" און איז מוסיף „בהרואה"?

ב) די ראי' פון גמרא אַז „משה הרגו", איז דאָך לכאורה ניט פון די ווערטער „עקר טורא בר תלתא פרסי", נאָר פון דעם סיום אין גמרא „ומחיי' בקרסולי' וקטלי'" — האָט דאָך רש"י לכאורה געדאַרפט מעתיק זיין די לעצטע ווערטער פון גמרא. בפועל זעט מען אָבער, אַז די לעצטע ווערטער איז רש"י בלויז מרמז מיטן וואָרט „כו'", און די ווערטער „עקר טורא בר תלתא פרסי" וועלכע זיינען לכאורה ניט קיין ראי' אַז „משה הרגו", זיי איז רש"י מעתיק בפירוש[12]?!

ג. איז דער ביאור בכל זה:

מיט אַ פסוק פריער דערציילט ער, אַז בשעת „ויצא עוג מלך הבשן לקראתם"[13], האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה'ן „אל תירא אותו"[14] — איז מפרש רש"י „שהי' משה ירא להלחם שמא תעמוד לו זכותו של אברהם".

ולכאורה, רש"י שטעלט זיך דאָרט אויף די ווערטער „אל תירא אותו", און זיי קומען דאָך בהמשך צו „ויאמר ה' אל משה", איז ווען רש"י זאָל

---

8) וגם: באם ס"ל לרש"י שמשה הרג גם את כל עמו, הוצרך להביא מקור לזה בדברי חז"ל, כמו שכותב „כדאי' בברכות כו'" בנוגע לעוג.

9) נד, ב.

10) ראה לדוגמא בפרשתנו יט, טז. כא. כ, כט.

11) ראה לדוגמא בפרשתנו יט, כ. כא, א.

12) ואם לציין התחלת הסוגיא (שזהו דוחק — דמאי קמ"ל) מספיק „עקר טורא".

13) כא, לג.

שרייבן סתם „שהי' ירא", וואָלט מען אויך געוואוסט אַז דאָס גייט אויף משה'ן. צוליב וואָס דאַרף רש"י אויס־טייטשן „שהי' משה ירא"?

באַר רש"י מיינט דערמיט צו מדגיש זיין, אַז בלויז משה האָט מורא געהאַט:

אַלע אַנדערע אידן, ווען זיי האָבן געזעען פאַר זיך עוג מלך הבשן, האָבן זיי געזעען אין אים בלויז אַ גרויסן גוי, האָבן זיי במילא פאַר אים ניט מורא געהאַט, ווייל זיי זיינען געווען בטוח „בכח תפלתו של משה" אַז מ'־וועט אים זיכער מנצח זיין

[און ווי עס ווערט דערציילט פריער מיט עטלעכע פסוקים[16], אַז די מרגלים וועלכע משה האָט געשיקט „לרגל את יעזר", האָבן זיי אַליין איינגענומען די שטאָט — כאָטש זייער שליחות איז געווען בלויז „לרגל" — און זיי האָבן דאָס געטאָן זאָגנדיק, „בטוחים אנו בכח תפלתו של משה"];

משא"כ משה רבינו — ער האָט געזעען אין עוג'ן „זכותו של אברהם", האָט ער דעריבער מורא געהאַט: וואָרום וויבאַלד אַז ארץ סיחון ועוג איז ניט פון ארץ שבעה עממין, קען דאָך מעגלעך זיין, אַז „זכותו של אברהם תעמוד לו", אַז מען זאָל אים ניט קענען איינגעמען און מ'זאָל מוזן אַנלייגן וועג ביים גיין קיין ארץ־ישראל[15] (ע"ד ווי ס'איז געווען ביי ארץ אדום[16]). האָט אים דעריבער דער

אויבערשטער פאַרזיכערט „אל תירא אותו, כי בידך נתתי אותו ואת כל עמו ואת ארצו".

ד. וויבאַלד אַז בנוגע צו עוג'ן איז משה געווען אויסגעטיילט פון אַלע אידן, אַז בלויז ער האָט מורא געהאַט פאַר אים, אָבער אַלע אַנדערע אידן, ניט נאָר וואָס זיי האָבן פאַר אים קיין מורא ניט געהאַט, נאָר זיי זיינען גאָר געווען בטוחים מיט אַ נצחון איבער אים — בכח תפלתו של משה,

קען מען דעריבער ניט לערנען, אַז מיט די ווערטער „אל תירא אותו כי בידך נתתי אותו" — וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה'ן, האָט ער געמיינט אין די הענט פון אַלע אידן, ע"ד ווי „נתתי בידך את סיחון גו'"

— וואָרום היות אַז „כי בידך נתתי אותו" (עוג'ן), איז געקומען בהמשך צו „אל תירא אותו", איז כשם ווי דער „אל תירא אותו" איז געזאָגט געוואָרן צו משה'ן (ניט אַלס פאַר־שטייער פון אַלע אידן, וואָרום אַלע אידן האָבן דאָך מלכתחילה ניט מורא געהאַט פאַר עוג'ן), אַזוי איז אויך דער „כי בידך נתתי אותו" (וואָס קומט בהמשך און — „כי" — אַלס טעם צו „אל תירא אותו"), מיינט אין די הענט פון משה'ן. און דערפאַר לערנט רש"י, אַז כאָטש עס שטייט „ויכו אותו" („ויכו" לשון רבים), מיינט עס אַז „משה הרגו".

און הגם אַז נאָך די ווערטער „כי בידך נתתי אותו" איז דער פסוק ממשיך „ואת כל עמו ואת ארצו" — און „כל עמו" האָבן אַנדערע אידן גע'הרג'ט — איז עס מצד דעם ווייל בנוגע צו „כל עמו" איז משה געווען ניט אַנדערש פון אַלע אידן (וואָרום

14) כא, לב. רש"י שם.

15) אבל פשוט, שמשה לא הי' ירא שזכותו של אברהם תעמוד לו לנצח את ישראל ח"ו — כי פשוט שזכותו של אברהם לא תעמוד לעוג יותר מאשר לישראל, זרעו של אברהם (וראה חדא"ג מהרש"א לברכות שם ד"ה אבן).

16) פרשתנו כ, כא. כא, ד.

זיין מורא איז דאָך געווען בלויז פון עוג'ן „שמא תעמוד לו זכותו של אברהם"), און דעריבער קען מען לער־נען אַז דער „בידך נתתי" בנוגע צו „כל עמו" מיינט אין די הענט פון אַלע אידן. משא"כ בנוגע צו „אותו", וואָס אין דעם איז משה געווען אַנ־דערש פון אַלע אידן, מוז מען לערנען אַז דער „בידך" מיינט אין די הענט פון משה'ן.

ה. פרעגט אָבער דער „בן חמש (למקרא)": וויבאַלד אַז „משה הרגו", פאַרוואָס שטייט טאַקע „ויכו אותו" (בלשון רבים), פון וועלכן ס'איז משמע אַז די אידן האָבן אים גע'הרג'ט?

און הגם אַז רש"י האָט שוין פריער געזאָגט, אַז „משה הוא ישראל וישראל הם משה" — איז דאָך אָבער מובן בפשטות, אַז אויף אַן ענין וואָס משה האָט געטאָן וועט דער פסוק ניט זאָגן אַז די אידן האָבן עס געטאָן:

דאָס וואָס עס שטייט פריער[17] „וישלח ישראל מלאכים" — הגם אַז משה האָט זיי געשיקט[18] — איז עס מצד דעם ווייל דער תוכן השליחות צו סיחון'ען איז באַשטאַנען אין „אעברה בארצך לא נטה בשדה ובכרם גו'"[19], און דאָס האָט געמיינט אַלע אידן (אַז זיי אַלע וועלן ניט נוטה זיין בשדה ובכרם און ניט טרינקען „מי באר" וכו'); איז כאָטש אַז דאָס שיקן די שלוחים האָט געטאָן משה, וויבאַלד אָבער אַז דער גאַנצער תוכן הענין איז בשם כל ישראל[20], פאַסט צו זאָגן אויך אויף דעם שיקן די שלוחים — „וישלח ישראל" — מצד דעם וואָס „משה הוא ישראל וישראל הם משה".

משא"כ בנוגע צו הכאת עוג — אמת טאַקע אַז משה האָט עם גע־הרג'ט בשביל אידן, דאָס איז אָבער ניט געווען בשמם ובשליחותם, איז דעריבער ניט שייך צו זאָגן, אַז דער־פאַר וואָס „משה הוא ישראל וישראל הם משה" וועט דער פסוק מייחס זיין די הכאת עוג פון משה'ן, צו אידן. בלייבט דאָך ווידער די קשיא: פאַר־וואָס שטייט „ויכו אותו", לשון רבים?

ו. לכאורה האָט מען געקענט ענט־פערן, אַז עס שטייט „ויכו" (לשון רבים) און ניט „ויך" (לשון יחיד), ווייל צום לשון „ויך" וואָלט זיך גע־פאָדערט אַז דער פסוק זאָל צולייגן איבעריקע ווערטער:

די תורה דערציילט דאָ, אַז מען

17) כא, כא.

18) וכשליחות המלאכים אל מלך אדום, שמפורש בכתוב (כ, יד) וישלח משה.

ויש לומר, שכוונת רש"י ב„ובמקום אחר תולה השליחות במשה" היא [לא להקשות מהפסוק ואשלח מלאכים ממדבר קדמות (דברים ב, כו) — שהרי פסוק זה לא למד עדיין התלמיד — כי אם] לתרץ: מדוע שלח ישראל מלאכים לסיחון, ומ"ש מהשליחות למלך אדום שמשה שלח? ועל זה מתרץ שאה"נ, שגם שליחות זו שלח משה, ומש"כ „וישלח ישראל" הוא לפי שלפעמים תולה הכתוב במשה ולפעמים בישראל.

ועפ"ז מובן בפשטות מה שגם הסתירה שבכתובים בנוגע להשליחות למלך אדום מפרש רש"י בפסוק וישלח גו' אל סיחון ולא פירש זה בפסוק וישלח משה גו' אל מלך אדום (כ, יד) שלפנ"ז — כי בפסוק וישלח משה גו' לא קשה להתלמיד מהפסוק וישלח ישראל שבספר שופטים (יא, יט) שלא למדו עדיין, ורק לאחרי שמפרש ובמקום אחר תולה השליחות במשה (בנוגע להשליחות אל סיחון) מביא דוגמא לזה, שגם בהשליחות אל מלך אדום מצינו כן. — וראה לקו"ש חל"ג ע' 132 ואילך.

19) כא, כב.

20) וראה בארוכה לקמן ע' 144 ואילך.

אלא שמ"מ, הוזקק רש"י להטעם „שמשה הוא ישראל וישראל הם משה" — מכיון ששילוח המלאכים [„וישלח"] עשה משה.

האט גע׳הרג׳ט „אותו ואת בניו ואת כל עמו״. און וויבאלד אז „את בניו ואת כל עמו״ האבן גע׳הרג׳ט אנדערע אידן (כנ״ל ס״א), איז אויב עס וואלט געשטאנען (בנוגע צו עוג׳ן) „ויך אותו״ (לשון יחיד), וואלט דער פסוק גע־דארפט זאגן „ויך משה ובני ישראל אותו ואת בניו ואת כל עמו״ אדער כיו״ב (וואס דאן וואלט דער „ויך משה״ זיך באצויגן צו „אותו״, און „ובני ישראל״ צו „את בניו ואת כל עמו״).

און בכדי צו פארשפארן איבעריקע ווערטער, זאגט ער גלייךביים אנהייב „ויכו״ לשון רבים — און דער פשט איז[21] אז די הכאה פון „אותו ואת בניו ואת כל עמו״ (צוזאמען) איז געווען פון א רבים, פון משה ובני ישראל.

אבער דער תירוץ איז ניט גלאטיק:

היות אז משה [וואס איז געווען אן אוהב ישראל[22] און געקוקט אויף אידן בעין טובה[23]] האט מורא געהאט „שמא תעמוד לו זכותו של אברהם״, איז דאך לכאורה פארשטאנדיק, אז נאך אלע מעלות און שבחים פון אידן, איז גע־ווען א מקום לומר אז זייער זכות איז ניט גענוג צו מנצח זיין עוג׳ן, מצד דעם וואס ער פארמאגט „זכותו של אברהם״;

ולפ״ז דארף מען לכאורה זאגן, אז דאס וואס דער אויבערשטער האט גע־זאגט צו משה׳ן „אל תירא אותו כי בידך נתתי אותו״, איז עס מצד זכותו של משה,

און וויבאלד אז צוליב הריגת עוג האט מען געדארפט אנקומען דוקא צו משה׳ן — ניט ווי ביים הרג׳ענען „את בניו ואת כל עמו״ וואס האט געקענט זיין אויך דורך אנדערע אידן — פאסט דאך ניט אז דער פסוק זאל כולל זיין ביידע ענינים צוזאמען (כאטש דאס פארשפארט איבעריקע ווערטער) און זאגן „ויכו אותו״, וואס באציט זיך צו משה ובני ישראל איינ־איינעם?

אט די שאלה באווארנט רש״י מיט דעם וואס ער ברענגט „עקר טורא בר תלתא פרסי״, כדלקמן.

ז. דער טעם וואס עוג האט אויס־געריסן א בארג וואס איז גרויס דריי פרסאות איז מצד דעם שטח וואו אידן האבן זיך געפונען וואס האט געהאלטן דריי פרסאות[24]. ד.ה. אז מיט זיין עוקר זיין דעם בארג „בר תלתא פרסי״ האט ער געוואלט אומברענגען — ח״ו היל״ת — אלע אידן.

איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז דערמיט וואס „עקר טורא בר תלתא פרסי״ האט ער (ניט בלויז באגאנגען א גרויסן חטא, נאר ער האט אויך) פארלארן „זכותו של אברהם״: וואלט ער געוואלט הרג׳ענען (ח״ו) בלויז א טייל אידן, אדער אפילו דאס רוב אידן, וואלט נאך אלץ געקענט זיין א סברא אז ביי אים זאל בלייבן דער זכות וואס ער האט אנגעזאגט אב־רהם׳ן „כי נשבה אחיו״[25] וואס האט געבראכט צו „וישב גו׳ את לוט

---

21) וכפירוש הגו״א כאן (נעתק לעיל ס״א).

22) מנחות סה, סע״א. במדב״ר פ״ב, יז.

23) ראה נדרים לח, א.

24) ואף שברש״י מסעי (לג, מט) „כאן למדך שיעור מחנה ישראל י״ב מיל״ — הוא לפי שמהפסוק „ויכו אותו״ לא מוכח גודל ה„טורא״ שעקר עוג (ואפילו לא ש„עקר טורא״), ומה שמוכח הוא רק שרצה להרגם (כדלקמן בפנים), אבל לא באיזה אופן.

25) לך יד, יג־יד.

אחיו"[26]; בשעת אָבער „עקר טורא בר תלתא פרסי" בכדי צו פאַרניכטן ח"ו זרעו של אברהם אינגאַנצן[27], האָט ער דערמיט מבטל געווען דעם זכות וואָס ער האָט געהאַט.

ובמילא קומט דאָך אויס, אַז כאָטש מלכתחילה, האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה'ן „אל תירא אותו כי בידך נתתי אותו" (אַז דוקא משה האָט אים געקענט הרג'ענען) — איז אָבער בעת משה האָט אים גע'הרג'ט בפועל, וויבאַלד אַז אינצווישן איז פאָרגעקומען דער „עקר טורא כו'", האָט מען ניט געדאַרפט אָנקומען דוקא צו זכותו של משה, און אויך אַנדערע אידן האָבן אים געקענט הרג'ענען — און דעריבער זאָגט דער פסוק „ויכו" לשון רבים.

ח. ע"פ הנ"ל יש לומר, אַז דער טעם וואָס עס שטייט „ויכו אותו" (ל' רבים), איז (ניט נאָר מצד דעם וואָס מען האָט שוין דאַן ניט געדאַרפט אָנקומען צו זכותו של משה דוקא, כנ"ל, און דעריבער קען מען כולל זיין די הכאה פון עוג צוזאַמען מיט הכאת בניו און כל עמו וואָס איז גע־ווען דורך אַנדערע אידן, נאָר אויך) מצד דעם וואָס אויך בנוגע צו „אותו" גופא (הכאת עוג), כאָטש אַז „משה

26) שם, טז.

וגם להפירוש שכוונתו היתה בכדי „ש־יהרג אברם" (רש"י לך יד, יג), בכל זה, מכיון שזה הי' רק בכוונה, אבל בפועל גרם עי"ז להצלת לוט [שאברהם החשיבו כעצמו, וסיכן את עצמו להצילו] הי' לו „זכותו של אברהם".

27) ואף שגם בעת „ויגד לאברם גו'" היתה כוונתו בכדי „שיהרג אברם" — הרי הי' זה רק בכוונה, משא"כ כשבפועל „עקר טורא".

הרגו", האָט ער עס געטאָן בשליחותם של כל ישראל:

וויבאַלד אַז מיטן „עקר טורא בר תלתא פרסי" האָט עוג געוואָלט הרג'־נען ח"ו אַלע אידן, כנ"ל, איז דאָך במילא יעדער איד געווען מחוייב צו הרג'ענען אים, ווי דער דין איז „הבא להרגך השכם להרגו"[28], קומט דאָך במילא אויס, אַז מיט דעם וואָס משה האָט גע'הרג'ט עוג'ן האָט ער געטאָן די שליחות פון אַלע אידן. און דערי־בער שטייט ויכו לשון רבים.

ט. עפ"ז וועט זיין אויך פאַרשטאַנ־דיק וואָס רש"י באַגנוגנט זיך ניט מיט שרייבן „כדאיתא בברכות" און ער איז מוסיף „בהרואה" — וואָרום דערמיט דייט ער אָן, ווי דער ענין וואָס „משה הרגו" איז געווען נוגע צו אַלע אידן:

אין פרק הרואה רעדט זיך וועגן די ברכות וואָס מען דאַרף מאַכן ווען מען איז „רואה", ווען מען זעט געוויסע זאַכן, און אין התחלת הפרק[29] — וועגן דער ברכה „ברוך שעשה ניסים לישראל" (ד.ה. „ניסא דרבים" — משא"כ „ניסא דיחיד" האָט אַנדערע דינים).

איז פון דעם וואָס די מעשה „עקר טורא כו'" שטייט אין פרק הרואה בהמשך צו „אבן שבקש לזרוק עוג כו'" (וועלכע איז איינע פון די דוג־מאות פון **„מקום שנעשו בו ניסים לישראל"**[29]) — **איז אַ ראי' אַז דאָס איז געווען נוגע צום רבים.**

און דעריבער איז רש"י מוסיף „ב־הרואה" — ווייל דורך דעם ווערט

28) רש"י משפטים כב, א (מסנה' עב, א) ובכ"מ.

29) נד, א.

געשמאַקער וואָס עס שטייט „ויכו לשון רבים".

י. פון די „ענינים מופלאים" און „יינה של תורה" וואָס זיינען דאָ אין דעם פירוש רש"י:

פרשת חקת לייענט מען בכו"כ שנים אין דעם שבת וואָס פאַר יב־יג תמוז (וכבשנה זו) — וואָס שבת איז דאָך מיני' מתברכין כולא יומי[30], איז איינער פון די רמזים[31] אין דער היינטיקער סדרה אין די ענינים פון יב־יג תמוז:

כשם ווי בנוגע צו עוג מלך הבשן, האָט זיך די התחלה אָנגעהויבן פון „בידך נתתי אותו", און אויך בפועל איז „משה הרגו", אָבער דורך דעם איז עס געוואָרן אַ נס של כל ישראל — „ויכו" לשון רבים,

אַזוי איז אויך בנוגע צו דער גאולה פון יב־יג תמוז, אַז דורך די יסורים און מס"נ פון דעם רבי'ן בעל הגאולה — דער „אתפשטותי' דמשה" אין אונ־זער דור, האָט ער ממשיך געווען די גאולה פאַר „כל מחבבי תורתנו הק', שומרי מצוה", ביז פאַר די וואָס זיי־נען בלויז „בשם ישראל יכונה"[32],

אַז יעדער איד — אפילו אַזאַ וואָס בלויז „בשם ישראל יכונה", איז אויב ער וויל נאָר — קען ער אַריינגיין גלייך אין ארץ־ישראל ברוחניות (און ער דאַרף ניט אַרומגיין ארץ עוג — וואָרום ס'איז שוין „ויכו אותו"),

וואָס דאָס איז אויך די הכנה והקדמה צו כניסה לא"י בגשמיות, אין דער גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו, יבא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, בקרוב ממש ובעגלא דידן.

(משיחת ש"פ חקת תשכ"ה)

30) זח"ב סג, ב. פח, א.

31) עוד ענינים בפ' חקת השייכים לי"ב תמוז — ראה לעיל סוף עמוד 129 ואילך.

32) לשון כ"ק מו"ח אדמו"ר במכתבו לחגיגת י"ב תמוז הראשונה — בשנת תרפ"ח (נדפס בסה"מ תש"ח ע' 263). וראה לקמן בההוספות ע' 329 ואילך.

# בלק

א. אין אָנהויב פון דער סדרה איז רש״י מעתיק אַלע ווערטער פון ערשטן פסוק „וירא בלק בן צפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי״ און איז מפרש „אמר אלו שני מלכים שהיינו בטוחים עליהם לא עמדו בפניהם אנו על אחת כמה וכמה, לפיכך ויגר מואב״.

זאָגן מפרשים[1], אַז מיט זיין פירוש איז דאָ רש״י מחדש, אַז דאָס וואָס דער פסוק דערציילט ווייטער „ויגר מואב״, איז עס ניט קיין ענין בפני עצמו, נאָר דאָס קומט בהמשך צו „וירא בלק גו׳ ״: ווען בלק האָט געזען וואָס אידן האָבן געטאָן לאמורי, ווי אַזוי זיי האָבן מנצח געווען די צוויי מלכים סיחון ועוג מיט זייער פאָלק, האָט בלק געמאַכט דעם ק״ו — מה־דאַך די „שני מלכים שהיינו בטוחים עליהם לא עמדו בפניהם, אנו על אחת כמה וכמה״, און דעריבער — „ויגר מואב״.

ס׳איז אָבער ניט מובן:

א) אויב מען זאָל לערנען ווי דער קא סלקא דעתך, אַז מיט „ויגר מואב״ הויבט זיך אָן אַ באַזונדער ענין און ניט ווי אַ תוצאה פון „וירא בלק״ — האָט דאָך דאַן דער גאַנצער פסוק „וירא בלק״ קיין פירוש ניט[2]: למאי נפקא־מינה צי בלק האָט דאָס יע געזען אָדער ניט, אויב דאָס האָט ניט געבראַכט צו קיינע תוצאות? — איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק, אויך אַן פי׳ רש״י, אַז „וירא בלק גו׳ ״ ווערט דערציילט אַלס אַ סיבה צו ויגר מואב — היינט וואָס איז רש״י מחדש מיט זיין פירוש „לפיכך ויגר מואב״?

ב) אין די מערסטע פאַלן וואו רש״י איז מפרש אַ פסוק, איז ער פון אים מעתיק בלויז די ערשטע ווערטער[3] (און מרמז אויף די איבעריקע דורך „וגו׳ ״[4]) — פאַרוואָס באַגנוגנט זיך ניט רש״י אין אונזער פסוק מיט מעתיק זיין בלויז די התחלה־ווערטער „וירא בלק״, נאָר ער ברענגט אַראָפּ אויך דעם גאַנצן ווייטערדיקן המשך הפסוק, ביז צום לעצטן וואָרט „לאמורי״?

ג) בכדי צו מסביר זיין דעם ק״ו פון בלק׳ן, אַז מה־דאַך די „שני מלכים לא עמדו בפניהם״ איז „אנו עאכו״כ״, איז לכאורה נוגע צו מדגיש זיין בעיקר די שטאַרקייט פון סיחון ועוג. צוליב וואָס דאַרף רש״י מוסיף זיין דעם פרט „שהיינו בטוחים עליהם״? און אויך: ווי אַזוי לערנט ער דאָס אַרויס פון פסוק, וואו ס׳איז לכאורה ניטאָ קיין רמז אויף דעם?

ב. איז דער ביאור בכל זה:

בשעת דער „בן חמש (למקרא)״ לערנט די פסוקים „וירא בלק גו׳ ויגר מואב גו׳ ״, קומט ביי אים אויס בפשטות, אַז „וירא גו׳ ״ און „ויגר גו׳ ״, זיינען צוויי באַזונדערע ענינים (און ניט אַז דער „וירא״ האָט גורם געווען דעם „ויגר״):

1) גו״א כאן.
2) וכמ״ש הגו״א עצמו.
3) ראה חוקת כא, כו. ובכ״מ.
4) ראה לקמן כב, י. ובכ״מ.